© copyright 2003 AFII

קאַפּיטל פּרק זיבּן

[1] און נאָך די זאַכן האָט רבּי מלך המשיח געוואַנדערט אין דעם גליל, ווייַל אַרומגיין אין יהודה, האָט ער ניט געוואָלט ווייַל די פון יהודה האָבן אים געוואָלט טייטן.

[2] איצט איז געווען נאָענט דער חַג פֿון סוכּות.

[3] דייַנע אחים האָבּן דאַן געזאָגט צו אים, פֿאַרלאָז דעם פּלאַץ און גיי אַוועק צו דעם לאַנד פֿון יהודה, אַז דייַנע תּלמידים זאָלן אויך זען דייַנע מעשים וואָס דו טוסט.

[4] ווייַל קיינער וואָס זוכט קהלישע נאָטיץ טוט גאָרניט בּסוד. אויבּ דו טוסט די זאַכן, דאַן ווייַז זיך צום העולם.

[5] ווייַל אפילו ניט די אחים פֿון רבּי מלך המשיח האָבן געגלויבּט אין אים.

[6] דערפֿאַר, זאָגט רבּי מלך המשיח צו זיי, מייַן שעה איז נאָך ניט אָנגעקומען, אָבּער אייער צייט איז שטענדיק צוגעגרייט.

[7] דער עולם הזה איז ניט פֿעיק אויף שינאָה (האַס) צו אייַך, אבּער דער עולם הזה האַסט מיך, און צוליבּ דעם אורזאַך: זיבּ איך פייערלעך עדות (עדותשאָפּט) וועגן דעם ווייַל די מעשים פֿון דעם עולם הזה זייַנען רעים (שלעכט).

[8] איר מאַכט עולה לרזל אויף דעם חג. איך וועל ניא גיין צו דעם חז, ווייַל מייַן צייט איז נאָך נוט מקיים געוואָרן.

[9] און האָבּנדיק געזאָגט די זאַכן, איז רבּי מלך המשיח פֿאַרבּליבּן אין גליל.

[10] אָבּער ווען זיינע אחים זיינען עֲלִיָּה לְרֶגֶל צו דעם חג, דאַן אויך איז רבּי מלך המשיח ארויפגעגאַנגען ניט עפֿנטליך נאָר בּסוד.

[11] דאַן האָבּן די פון יהודה געזוכט רבּי מלך המשיח אין דעם חג

און האָבֿן געזאָגט, וואו איז דער מאַן?

[12] און אסך תְּלוּנָה (מורמלן) איז פֿאָרגעקומען וועגן רבּי מלך המשיח צווישן דעם עולם. אייניקע האָבֿן געזאָגט, ער איז טובֿ (גוט), אבֿער אַנדערע האָבֿן געזאָגט, לא (ניין), ער נאַרט אָפּ דעם עולם.

[13] קיינער, אָבֿער, האָט גערעדט אָפֿנטלעך וועגן רבּי מלך המשיח ווײַל זיי האָבֿן מורא געהאַט פֿאַר די פֿון יהודה.

[14] אָבֿער בעת די מיטל צײַט פֿון דעם חַג, איז רבּי מלך המשיח אַרויף צו דעם בית המקדש און האָט גערעדט שיורים (געלערנט תּורה).

[15] דעריבֿער האָבֿן די פֿון יהודה באַוואונדערט, זאָגנדיק, פון וואַנען האָט דער דאָזיקער מענטש בינה (פארשטאנד) פֿון א ישיבֿה ידיעה סֵפֿר (געלערנטער), ניט האָבֿנדיק געלערנט?

[16] דערפאַר, אין ענטפֿער, האָט רבּי מלך המשיח געזאָגט, מײַן תּורה (לערערײַ) איז ניט פון מיר נאָר פֿון דעם איינעם וואָס האָט מיר געשיקט .

[17] אויבֿ איינער וויל טאָן דעם רצון השם וועט ער האָבֿן דעת וועגן מײַן תורה, אויבֿ קומט פֿון השם אָדער איך רעד בלויז פֿון זיך אַליין.

[18] דער איינער וואָס רעדט פֿון זיך אַליין זוכט זײַן אייגן כּבוד, אבֿער דער וואָס זוכט דעם כּבוד פֿון דעם איינעם וואָס האָט אים געשיקט, דער איינער איז נֶאֱמַן און עס איז ניט פֿאראַן קײַן עוולה (אומרעכט) אין אים.

[19] האָט ניט משה אײַך געגעבֿן די תּורה? און, וואָס איז שײַך די תּורה קען קיינער פֿון אייך זײַן שומר חֹק? פֿאַרוואָס ווילט איר מיר טייטן?

[20] דער עולם האָט געזאָגט, דו האָסט אָ שד. ווער וויל דיר טייטן?

[21] אין ענטפער, רבּי מלך המשיח האָט געזאָגט צו זיי, פֿון די

פֿעֻלות פֿון השם, האָב איך געטאָן אחד, איין פֿעֻלה, און אלע באוואונדערן זיך.
[22] משה האָט אײַך געגעבן ברית מילה ניט ווײַל ברית מילה קומט פֿון משה, נאָר עס קומט פֿון די אָבות, און אויף שבת מאַכט איר אייביק ברית מילה.
[23] ווען אַ מאַן באקומט ברית מילה אויפֿן שבת און לא תופר תּוֹרת משה, זײַנט איר אין כּעס מיט מיר ווײַל איך האָב געגעבן א מענטש רפואה שלמה אויף שבת?
[24] משפּט ניט לויט דעם אויסזען נאָר משפּט מיט משפּט צדק.
[25] דערפֿאַר, אייניקע פֿון די פֿון ירושלים האבן געזאגט, איז עס ניט דער מענטש ווען זיי זוכן צו טייטן?
[26] און, הִנֵה, ער רעדט עפנטלעק און קיינער זאָגט גאָרניט צו אים. אפֿשר האָבן די מנהגים (די גדולים פון יִדיש דָת) דעת אַז דער מענטש איז דער רבי, מלך המשיח?
[27] אָבער מיר האָבן דעת פון דעם מענטש, פֿון וואַנען ער שטאַמט; אָבער דער רבי מלך המשיח, ווען נאָר ער קומט, האָט קיינער דעת פֿון וואַנען ער איז.
[28] דעריבער, אין דעם בית המקדש בעת לערנען, האָט רבי מלך המשיח אויסגעשריען, זאָגנדיק, איר האָט דעת וועגן מיר, און איר האָט דעת פֿון וואַנען איך קום. איך בין ניט געקומען פֿון זיך אַליין, נאָר דער איינער וואָס האָט מיר געשיקט איז נֶמען. ער איז דער איינער וועגן ווען איר האָט ניט דעת.
[29] איך האָב דעת וועגן אים, ווײַל פון אים אני הוא, און ער איז דער איינער וואס האָט מיר געשיקט.
[30] דערפֿאר, האָבן זיי געזוכט אים צו ארעסטירן ,און קיינער האָט ניט געלייגט אַ האנט אויף אים, ווייל זיין שעה (שאינדע, צײַט) איז נאָך ניט אָנגעקומען.
[31] פֿון דעם עולם, אָבער, האָבן אַ סך געלייגט זייער אמונה, זייער

בטחון אין אים, און האָבן געזאָגט, דער רבי מלך המשיח, ווען נאָר ער קומט, זיכער וועט ער ניט אויפֿטאָן מער אותות (נסימדיקע צייכנס) ווי די זאַכן וואָס דער מענטש האָט געטאָן?

[32] די פּרושים  האָבן געהערט דאָס תּלונה (מורמלן) וועגן די זאַכן פֿון דעם עולם, דאָס רעדן וועגן רבי מלך המשיח, און זיי האָבן געשיקט די ראָשי הכּהנים און די משרתּים פֿון די פּרושים כּדי זיי זאָלן אים אַרעסטירן .

[33] דערפֿאַר, האָט רבי מלך המשיח געזאָגט, בלויז  אַ קליינע צייט פאַרבלייב איך מיט אײַך און איך וועל אוועק גיין צו דעם איינעם וואָס האָט מיר זעשיקט.

[34] איר וועט מיר זוכן און מיר ניט געפינען און  וואו אני הוא קענט איר ניט צוקומען.

[35] דערפֿאַר, האָבן די פֿון יהודה געזאָגט צו זיך אַליין,וואו  דענקט דער מענטש צו רײַזן אַז מיר וועלן אים ניט געפֿינען? זיכער רעכנט ער ניט צו איבערבלײַבן אין דעם גלות פֿון די יונים (גריכן) צו לערנען די יונים?

[36] וואָס פאַר אַ דבֿר האָט ער גערעדט, איר וועט מיר זוכן און וועט מיר ניט געפינען און וואו אני הוא, קענט איר ניט צוקומען?

[37] איצט אויף דעם לעצטן טאָג פֿון דעם  חג, השנה רבה, האָט רבי מלך המשיח אויסגעשריען, זאָגנדיק, אויב עמיצער איז דורשטיק זאָל ער קומען צו מיר און טרינקן.

[38] דער איינער מיט אֶמונה אין מיר, ווי עס שטייט אין די כּתבֵי הקודש, פון דעם מיטן פֿון אים, וועלן פליסן טײַכן פון מים חיים.

[39] אָבער דער רבי מלך המשיח האָט גערעדט וועגן דעם רוח הקודש וואָס די איינע האָבנדיק אֶמונה (גלויבן) אין אים וועלן באַקומען, ווײַל דער רוח הקודש איזו נאָך ניט געגעבן געוואָרן, ווײַל רבי מלך המשיח האָט נאָך ניט באַקומען כּבֿוד.

[40] דערפֿאַר, האָבן אייניקע פֿון דעם עולם האָבנדיק געהערט די דבֿרים האָבן געזאָגט, דער מענטש איז באמת דער נָבֿיא.

[41] אַנדערע האָבן געזאָגט, דער מענטש איז דער רבי, מלך המשיח. אָבער אייניקע האָבן געזאָגט, זיכער דער רבי, מלך המשיח קומט ניט פון דעם גליל, אפשר קומט ער?

[42] די כּתבֿי הקודש האָבן דאָך געזאָגט אַז דער רבי, מלך המשיח שטאַמט פֿון דעם זרע דוד און פֿון בית-לחם, דאָס שטעטל וואו דוד האָט געלעבן?

[43] אַ מחלוקה, איז דערפֿאַר געוואָרן צווישן דעם עולם צוליבֿ דעם רבי, מלך המשיח.

[44] און אייניקע פֿון זיי האָבן אים געוואָלט אַרעסטירן, אָבער קיין איינער האָט געלייגט  זיינע הענט אויף  רבי, מלך המשיח.

[45] דאַן זיינען געקומען די עבודים פֿון די ראָשי הכּהנים און פּרושים און די  ראָשי הכּהנים און פּרושים האָבן געזאָגט צו זיי, פֿאַרוואָס האָט איר אים ניט געבראכט?

[46] אין ענטפֿער, האָבן די עבֿדים געזאָגט, קיינמאל האָט אַ איש גערעדט ווי דער איש.

[47] אין ענטפֿער, דעריבער האָבן די פּרושים געזאָגט, זיכער זיינט איר אויך ניט אָפּגענאַרט געוואָרן?

[48] האָבן אייניקע  פֿון די מנהיגים געטייגט זייער אֶמונה (גלויבן) אין אים, אָדער אייניקע פֿון די פּרושים?

[49] אבער דער עם הארץ עולם האָט ניט דעת פֿון תּורה און איז פֿארשאָלטן.

[50] רבֿ נִקדימון, דער איינער וואָס איז געקומען צו רבי, מלך המשיח פֿריער זייענדיק איינער פֿון זייערע אייגענע, זאָגט צו זיי,

[51] זיכער תּורהתּינו (אונזער תּורה) משפּט ניט דעם מענטשן איידער מען הערט פֿריער פֿון דעם מענטש אַליין און האָט דעת וועגן וואָס ער טוט, ניט אזוי?

[52] זיי האָבּן געענטפֿערט  און געזאגט צו  רב  נקדימון, זיכער ניט
דו בּיסט אויך פון דעם גליל, בּיסטו ניט? זוך [די כּתבֿי הקודש]
און זע אַז פֿון דעם גליל קומט ניט ארויף אִ נָבֿיא.
[53] און זיי זיינען יעדער איינער אוועק  צו זייַן בּית.